# עולת שבת בשבתו

## ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

פה ק"ק קרית יואל יצ"ו

בעזהשי"ת | פרשת ויגש | כ"ה ז' תשע"ב לפ"ק


## דורש טוב

**אני יוסף העוד אבי חי:** אלע **מפרשים** מוטשעגען זיך שטארק אויף די ווערטער וואס יוסף האט געזאגט ווען ער האט זיך אנטפלעקט צו זיינע ברודער "איך בין יוסף, דער טאטע לעבט נאך?", אין די צייט וואס ער האט גוט געוואוסט אז דער טאטע לעבט נאך, ווייל די גאנצע צייט רעדט מען דאך פון דעם?

שטייט אין **ספרים** א הערליכער תירוץ, ווייל חז"ל זאגן אז עס איז פון הימל נישט באשערט געווען קיין יארן צו לעבן פאר דוד המלך, און ער וואלט ח"ו געדארפט שטארבן באלד נאכן געבוירן ווערן, נאר די אבות הקדושים האבן געוואוסט אז די גאולה העתידה וועט קומען דורך דוד המלך, וועגן דעם האבן זיי אלע אוועקגעגעבן טייל פון זייערע יארן פאר דוד המלך, און אזוי האט ער געלעבט 70 יאר.

דער חשבון גייט אזוי: באמת וואלטן אלע אבות געדארפט צו לעבן 180 יאר, נאר אברהם אבינו האט אוועקגעגעבן 5 יאר, יעקב אבינו האט אוועק געגעבן 33, און יוסף 32 יאר פון זייער לעבן, אזוי האט דוד המלך געהאט זיבעציג יאר צום לעבן.

ווען יוסף איז פארלוירן געווארן האט יעקב אבינו געוויינט און געקלאגט כי ארד אל בני אבל שאולה, ווייל ווילאנג יוסף לעבט קען ער אוועקגעבן זיינע יארן, אבער אויב איז ער גע'הרג'עט געווארן קען ער מער נישט אוועקגעבן פון זיינע יארן, וועל איך מוזן נעמען די גאנצע איבערגעבליבענע 65 יאר, ממילא וועל איך פריער שטארבן.

יעצט ווען יוסף האט זיך אנטפלעקט צו די ברודער האט ער זיי געזאגט **אני יוסף**, איך בין יוסף, און אויב איר גלייבט מיר נישט וועל איך אייך געבן א ראי', **העוד אבי חי**? און אויב איך וואלט גע'הרג'עט געווארן וואלט דער טאטע שוין נישט געלעבט ווייל דאן וואלט איך נישט געהאט געגומען קיין טייל אין די יארן פון דוד המלך.

## ידיעות כו׳ די וואך

מיר לערנען די וואך אין די סדרה **ויפל על צואריו ויבך על צואריו עוד אבל יעקב לא נפל על צאוורי יוסף ולא נשקו, ואמרו רבותינו שהיה קורא את שמע** (מדרש-רש"י)

טייערע קינדערלעך! לאמיר אריינקלערן אין די רש"י...

עס איז שוין דורכגעגאנגען 22 יאר זייט יעקב האט געזעהן יוסף'ן דאס לעצטע מאל, ער האט אים דאך ליב געהאט אהבת נפש, ער האט דאך פארגאסן אויף אים טייכן טרערן, ער האט דאך אויפגעלעבט ווען ער האט געהערט אז יוסף לעבט, אט אט קומט די מינוט ער זעהט שוין זיין ליבן זון פאר זיך... אזויפיל יארן געווארט אויף די איינע מינוט. ענדליך יוסף פאלט ארויף אויף אים מיט א געוויין... ער נעמט ארום ווי א באליבט קינד דעם געטרייען טאטן... די געפילן זענען אומבאשרייבליך... אבער יעקב אבינו מאכט זיך נישט וואוסענדיג... ער וויינט נישט, ער קושט נישט... פארוואס?

ווייל עס איז אנגעקומען דער 'זמן קריאת שמע' און ער האט געדארפט קריאת שמע ליינען!!!

וואס לערנען מיר ארויס פון דעם? אז ווען עס קומט דער זמן קריאת שמע, עקזיסטירט גארנישט אויף די וועלט, קיין שום תירוצים העלפט נישט, מען דארף ליינען קריאת שמע בזמנה!

עס איז דא א **"מצות עשה מן התורה"** צו ליינען קריאת שמע בזמנה, ווי מען זאגט אין די ערשטע פרשה פון קריאת שמע, "והיו הדברים האלה וגו' ובשכבך ובקומך", לערנען חז"ל ארויס אז מען דארף ליינען קריאת שמע יעדן אינדערפרי אין די צייט ווען עס איז דער סדר פון מענטשן אויפצושטיין, און ווען עס איז דער סדר זיך צו לייגן שלאפן.

אויב האט מען נישט געליינט קריאת שמע אינדערפרי 'אינעם זמן קריאת שמע' אדער ביינאכט, האט מען עובר געווען אויף א מצות עשה מן התורה.

אין **זוהר הק'** ווערט געברענגט מורא'דיגע זאכן אויף ווער עס איז נזהר צו ליינען קריאת שמע בזמנה, דער שכר דערפאר איז גאר גרויס, און דער מענטש טוט פון זיך פארטרייבן אלע שלעכטע זאכן וואס זוכן זיך אנצוקלעבן אין א מענטש.

דער **בית יוסף** (הל' קר"ש סי' ס"א) ברענגט בשם הזוהר, אז אין די פרשה פון קריאת שמע איז דא 248 ווערטער וואס דאס איז קעגן די 248 אברים וואס איז דא אין א מענטש, און יעדע ווארט פון קריאת שמע איז מתקן און טוט אויסהיילן א צווייטן אבר.

אין ספר **מקדש מלך** שטייט: ווער עס ליינט נישט קריאת שמע בזמנה ווערט אויסגעדרייט די רמ"ח אותיות פון קריאת שמע צו ח-ר-ם...

וויכטיגע באמערקונג: די מצות עשה פון ליינען קריאת שמע בזמנה גייט אן 365 טעג א יאר, אפילו שבת ויו"ט, אפילו נאך א חתונה וכדומה.

דער סוזק"ש פאר די קומענדיגע עטליכע וואכן איז צווישן 8:50 און 9:10

# מוסר הפרשה

**ידבר נא עבדך דבר באזני אדוני:** לכאורה פארואס זאגט ער א לשון רבים **באזני**, נישט **באוזן**?

עס שטייט אין ספר **יצירה** אז חודש סיון איז קעגן די לינקע אויער פון א מענטש. די וועלט זאגט אז א מענטש וואס פארגעסט וואס מ'זאגט אים 'עס גייט אריין אין די רעכטע אויער, און עס גייט ארויס פון די לינקע אויער', וועגן דעם איז חודש סיון דער זמן מתן תורה וואס קומט מרמז זיין אז מ'דארף אכטונג געבן אויף די תורה זאל נישט ארויסגיין פון די לינקע אויער, און די לינקע אויער זאל אויך הערן און מקבל זיין די תורה.

דאס האט אים יהודה געזאגט **ידבר נא עבדך דבר באזני אדוני**, אז ער זאל דערהערן וואס ער רעדט צו אים מיטביידע אויערן, נישט עס זאל ארויסגיין פונעם לינקן אויער.

# מילי דרמיזא

**ויגש אליו יהודה ויאמר בי אדוני:** דער ווילנער **גאון** זי"ע זאגט א אינטערעסאנטער רמז אויף די פסוקים.

אין פר' מקץ דערציילט די תורה הק' אז יהודה האט געזאגט פאר יעקב אבינו אז ער נעמט זיך אונטער צוריק צו ברענגען בנימין געזונטערהייט, און אויב נישט וועט ער פארלירן ביידע וועלטן ח"ו.

דאס איז מרומז אין די טראפן אויף די ווערטער **ויגש אליו יהודה ויאמר בי אדוני**, וואס דאס איז **'קדמא ואזלא רביע זרקא מונח סגול**, גייט דער פשט אזוי, אויב וועסטו פרעגן **קדמא ואזלא**, פארוואס האב איך זיך געפעדערט צו גיין פאר מיינע ברודער, אמער **רביע**, איך בין דאך דער פערטער, אויף דעם איז דער תירוץ, ווייל **זרקא** איך בין פארווארפן **מונח** פון די מנוחה, **סגול**, פונעם עס סגולה אויב איך ברענג נישט צוריק בנימין.

# מעשה רב

ווען דער **רבי בעל דברי יואל זי"ע** איז אנגעקומען קיין אמעריקע מיט איבער זעכציג יאר צוריק, האט ער געזעהן אז אין אמעריקע איז זייער שווער זיך צו האלטן ביי די אמת'ע ערליכע אידישקייט, ווייל אין די אמעריקאנער תלמוד תורה'ס און ישיבות האט מען די קינדער ערצויגן אויף א מאדערנעם וועג. האט ער מחליט געווען אז ער מוז עפענען אן אייגענע ישיבה מיט מוסדות, וואס דארט זאלן די קינדער ערצויגן ווערן מיטן אמאליגן ערליכן חינוך, און זאלן וויסן אז מען דארף זיין אנדערש ווי די אמעריקאנער גאס.

עס זענען דעמאלטס געווען מענטשן וואס זענען נאנט געווען צום רבי'ן, און זיי האבן פרובירט אפצורעדן דעם רבי'ן דערפון, ווייל זיי האבן געהאלטן אז דער רבי וועט נישט מצליח זיין אויסצופירן זיין באגער אויפצושטעלן א אייגענע ישיבה, האבן זיי גע'טענה'עט אז אין אמעריקע איז שוין דא גענוג ישיבות פאר ערליכע בחורים, פארוואס פעלט אויס נאך ישיבות?!...

האט דער רבי גענטפערט ווי פאלגענד: מיר געפונען אין פרשת ויגש, שטייט אין פסוק **ואת יהודה שלח להורות לפניו גושנה**, זאגט רש"י אז יעקב האט געשיקט יהודה פאראויס לתקן לו בית תלמוד, אז ער זאל צוגרייטן א פלאץ פאר א ישיבה, ווי יעקב'ס קינדער זאלן קענען זיצן און לערנען.

שטעלט זיך א קשיא, פארוואס האט יעקב געדארפט אויפשטעלן א ישיבה, יוסף הצדיק איז דאך שוין דארט געווען בעפאר, האט ער דאך שוין אוודאי געהאט אויפגעשטעלט א ישיבה, פארוואס האט יעקב געדארפט האבן נאך א ישיבה?

נאר - האט דער רבי גענטפערט בדרך צחות - ווען יוסף הצדיק האט דארט אויפגעשטעלט זיין ישיבה האט ער נישט געהאט מיט וועמען צו מאכן די ישיבה, נאר מיט אזעלכע וואס זענען שוין געווען אין מצרים פון פריער, די זענען אלע געגאנגען אן קיין בארד און פיאות, אזא ישיבה האט יעקב אבינו נישט געוואלט האבן. יעקב אבינו האט געוואלט אז אין זיין ישיבה זאל מען מגדל זיין ערליכע דורות מיט בארד און פיאות, אן קיין שום שינוי פון אמאל, ממילא האט ער געמוזט אויפשטעלן א נייע ישיבה"...

"איך וויל אויפשטעלן א ישיבה ווי יעקב אבינו'ס ישיבה, קינדער מיט לאנגע פיאות, וועגן דעם דארף איך האבן אייגענע מוסדות"... האט דער רבי אויסגעפירט.

# הילולא דצדיקיא

קומענדיגן זונטאג פר' ויחי, איז די יארצייט פון

## כ"ק הרב הקדוש רבי **יחזקאל שרגא האלבערשטאם** זצוק"ל

## אב"ד שינאווע יע"א * בעמח"ס דברי יחזקאל

**דער הייליגער צדיק רבי ר' יחזקאל שרגא משינאווע זי"ע איז געווען דער עלטסטער זון פון הרה"ק רבי חיים האלבערשטאם זי"ע, בעל דברי חיים מצאנז.**

עס ווערט דערציילט אומצאליגע סיפורי מופת ישועות ורפואות וואס ער האט גע'פועל'ט פאר אידישע קינדער. דער שינאווער רב איז געווען פון די גרעסטע צדיקי הדור אין זיין צייט, די גרעסטע צדיקים ומנהיגי ישראל זענען געפארן צו אים, און זיך מסתופף געווען בצל קדשו

מיר וועלן דא דערציילן א ענין פון זיינע הייליגע מידות, פון וואס מיר דארפן זיך אסאך לערנען, ווי אזוי צו זיין נזהר בענינים שבין אדם לחבירו:

## נישט פארשעמען דעם חתן

צום הייליגן שינאווער רב זי"ע איז אמאל אריינגעקומען א חתן, און ער האט זיך זייער אפגערעדט פארן שינאווער רב אז בקרוב וועט זיין זיין 'באווארפן', און ער שעמט זיך זייער שטארק, ווייל אין זיין שטאט איז געווען דער מנהג אז דער חתן איז עולה לתורה צו מפטיר, און ער לייענט הויך די גאנצע הפטורה, און אזוי ווי ער רעדט נישט קלאר, האט ער מורא אז מ'וועט לאכן פון אים און ער וועט שטארק פארשעמט ווערן.

דער שינאווער רב האט געפרעגט וואו די באווארפן וועט זיין, און וועלכן שבת עס וועט זיין און ער האט בארוהיגט דעם חתן, אז אלעס וועט זיין בשלום.

יענעם שבת איז דער הייליגער שינאווער רב פלוצלונג אנגעקומען אין די שטאט וואו דער חתן האט געוואוינט, עס איז געווען אינטערעסאנט פאר יעדן פארוואס ער איז געקומען אן איינמעלדן פון פאראויס. בשעת'ן לייענען האט זיך דער שינאווער רב ארויפגעשטעלט אויף די בימה, און ווען עס איז געקומען צו די הפטורה האט ער אנגעהויבן צו קלאפן מיט די הענט, און געמאכט א שטארקן רעש, אז דער גאנצער עולם האט געקוקט אויפן הייליגן דברי יחזקאל, און קיינער האט נישט אויסגעהערט די הפטורה וואס דער חתן האט אינצווישן אפגעזאגט, און קיינער האט נישט באמערקט ווי אזוי ער זאגט ארויס די ווערטער. און אזוי איז דער חתן ניצול געווארן פון בזיונות.

עס איז ידוע אז דער שינאווער רב פלעגט זאגן וויניג תורה, ער האט געזאגט אז ער זאגט נישט קיין תורה נאר ווען מען איז אים מגלה מן השמים אז ער זאל זאגן. די דברי תורה וואס ער האט געזאגט מיט אביסל חידושים אויף אנדערע ענינים און שו"ת איז געדרוקט אין ספה"ק דברי יחזקאל צום סוף.

ער איז נסתלק געווארן ו' טבת תרנ"ט לפ"ק, ומנוחתו כבוד אין שינאווע.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל**

## עשרה בטבת

די קומענדיגע וואך דאנערשטאג פרשת ויחי געפאלט אויס דער תענית "**עשרה בטבת**".

אין דעם טאג האבן זיך אנגעהויבן די צרות פאר אידישע קינדער אין די צייט פון ערשטן בית המקדש.

אין יאר **ג' אלפים של"ז** לפ"ק איז נבוכדנצר הרשע דער קעניג פון בבל ארויפגעקומען קיין ירושלים מיט א ריזיגע מיליטער, און ער האט באלאגערט די שטאט ירושלים און איר ארומגענומען. די הייליגע שטאט ירושלים איז געווארן אונטערגעדרוקט, און די איינוואוינער פון ירושלים האבן געליטן פון הונגער און נויט.

די מיליטער פון נבוכדנאצר הרשע האט אפגעשפארט די ארויסגאנג פון די שטאט, און מען האט נישט געקענט אריינברענגען קיין עסן און וואסער, און דער מצב איז געווארן אומדערטרעגליך, קליינע קינדער זענען נעבעך אויסגעגאנגען פאר הונגער, און פארשידענע צרות האבן געפלאגט די אידן.

דער שווערער מצב האט אזוי אנגעהאלטן צוויי א האלב יאר ביז **שבעה עשר בתמוז של"ח** לפ"ק, ווען עס איז פאר די רשעים געלונגען איינצוברעכן די מויער פון ירושלים, און די שטאט איז איינגענומען געווארן. דריי וואכן שפעטער, **תשעה באב של"ח**, האט נבוזראדן הרשע חרוב געמאכט דאס בית המקדש. עטליכע וואכן שפעטער **צום גדלי'** איז גע'הרג'עט געווארן דער צדיק און נביא גדלי' בן אחיקם, מיטן לעצט פארבליבענעם רעשטל אידן אין אר"י.

די הייליגע חכמים האבן באשטימט די 4 תעניתים **עשרה בטבת, שבעה עשר בתמוז, תשעה באב, צום גדלי'**, אז אין די טעג וואס איז ליידער געשעהן די צרות זאלן אידישע קינדער תשובה טוהן, און מען זאל זיין צובראכן, מען זאל זיך דערמאנען די עונשים וואס זענען געקומען פאר אידן ווען זיי האבן נישט געטוהן דעם רצון ה', און מען זאל זיך מקבל זיין צו זיין ערליך און אויפפירן ווי עס דארף צו זיין, כדי דער בית המקדש זאל בקרוב צוריק אויפגעבויט ווערן דורך אונזערע מצוות.

דער **רבי בעל דברי יואל זי"ע** שרייבט אין די הקדמה צום ספר הק' **ויואל משה**: דער הייליגער **דברי חיים** זי"ע האט איינמאל געזאגט ביים טיש אז דער בית המקדש של מעלה איז שוין פארטיג עס פעלט נאר דער פרוכת. האט זיך הרה"ק **ר' יושע'לע טאמאשאווער** זי"ע אנגערופן "מיר גלייבן באמונה שלימה אז דער רבי קען ענדיגן דעם פרוכת..." דער **דברי חיים** האט אבער גארנישט געענטפערט.

א צייט שפעטער האט דער **דברי חיים** געזאגט "פון וואו ווייסט איר אז איך האב נישט געמאכט דעם פרוכת? עס איז אבער געווען א רשע וואס האט געטוהן א גרויסע עבירה און דערמיט צוריסן דעם פרוכת".

**ויהי רצון שהימים האלו יתהפכו לששון ולשמחה במהרה בימינו אמן**